# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי
היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק
## מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קע"ח | יתרו - משפטים תשפ"ה לפ"ק


די באן גאלאפירט קיין אוישוויץ רח"ל

# חרדי'שע חברי כנסת המינים ארבעטן מיט אלע כוחות דורכצושטופן שרעקליכן פשרות-געזעץ

**געזעץ וואס זיי אליינס האבן צוויי יאר צוריק פארשריגן אלס 'שמד געזעץ'! אצינד מיט נאך-העכערע 'צילן' ('יעדים') אריינצושלעפן 50% חרדי'שע בחורים אין צה"ל! הי"ת — חרדים זוכן אויסצונוצן טראמפ'ס פלאן אויסצוליידיגן עזה, צו שטופן מזרחי'סטישע און רעכטע חה"כ יא צו שטיצן זייער שענדליכן חוק הגיוס — חרדי'שע חה"כ לייגן אומגעהויערן דרוק אויף זייערע אייגענע מנהיגים זיך צו בייגן און מסכים זיין צו שענדליכע פשרות**

פרישער שטאפל אין גזירת החינוך אין ניו יארק

## סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט דערקלערט 2 מוסדות ענדגילטיג אלס "נאן-עקוויוועלענט"; וועט אפשטעלן אלע פאנדן, פארלאנגען פון עלטערן צו שיקן אין אנדערע שולע אדער "האומסקולינג"

מלחמת יהדות החרדית גייט אריבער צו נייע פאזע – מסירות נפש'דיגע הנהלת המוסדות און עלטערן, וועלכע האבן זיך נישט געבראכן צו רעגירונג סטראשונקעס און נישט אריינגעגעבן 'פלען ענד טיימליין', זענען מטכס עצה מיט פילע פלענער אויפ'ן טיש: 'זיך בייגן צו די רעגירונג און משנה זיין חינוך הטהור קומט נישט אין באטראכט'!

**שאנדע ווען פערלס' פאררעטער נוצן אויס סיטואציע פאר פרישע העצע אז 'נישטא קיין ברירה' און 'מען מוז זיך בייגן פאר די רעגירונג' – פארגעסן צו דערציילן אז די זעלבע 2 מוסדות האבן ארגינעל געארבעט צוזאמען מיט פערלס, ביז ווען זיי האבן זיך איבערצייגט אז די 'פערלס מוסדות' הייבן אן דורכפירן פאקטישע שינויים אינעם חינוך, ר"ל!**

**יהדות החרדית וועט ווייטער קעמפן מיט מסירות נפש, און בלויז אזוי וועט מען מצליח זיין צו מבטל זיין דעם גזירת החינוך! לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי**

ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך

## ערשטער ארעסט קעגן בחור וועלכער האט זיך נישט געשטעלט צום טמא'נעם מיליטער אין לעצטיגע 'צווי גיוס' כוואליע

ערשטער ארעסט פון איינעם פון די 1,242 בני ישיבות קעגן וועמען ס'איז פאראן א 'צו מעצר', צוליב וואס זיי זענען נישט געקומען זיך שטעלן צום מיליטער נאכן באקומען א 'צו גיוס' – באפרייט געווארן אין א גאר-קורצע צייט אדאנק געניטע ארבעט פון עו"ד מנחם שטאובער, לאנגיאריגער אדוואקאט פון מרכז עזרה ויעוץ – מצילי המרכז ארבעטן ווייטער אויף ענדגילטיגע לעזונג פאר'ן בחור



באפרייטער בחור אין אפיס פון 'מרכז עזרה ויעוץ' מיט'ן ראש המצילים הר"ר שמעון שישא און באגאבטער אדוואקאט מנחם שטאובער, צו באדאנקען פאר שנעלע הילף, און זען די פלענער אויף ווייטער

לייענט מיט אינטערעסע:

**היסטאריע פון "חרם" קעגן "שפות זרות" אין ארה"ק**

- זייט 2 -

משה יודא יואל ווייס

# קאמף קעגן טריפה׳נע שקאלעם אין ארה״ק



**פארזעצונג פון פריער:**

די רעוואלוציעס פונעם א.ג. ״פעלקער פרילינג״ איבער די לענג און ברייט פון אייראפע אין יאר תר״ח האבן נישט באוויזן צו ברענגען קיין ערנסטע טוישונגען, אבער האבן יא געפירט צו א רייע רעפארמען איבער גלייכבארעכטיגונג ביי מערערע אייראפעאישע לענדער.

דאס האט אויך אריינגענומען א מער טאלערירנדן צוגאנג צו די אידן אין אייראפע, עפעס וואס האט געהאלפן די משכילים און רעפארמער פארכאפן די אידישע מאסן, אז מיט׳ן זיך צוגלייכן צום גוי, וועט אנטיסעמיטיזם פארשווינדן ווערן.

**און אצינד ליינט ווייטער:**

## רעפארם אנטוויקלט זיך

אין די אנהויב ת״ר יארן, הארט בעפאר די דערמאנטע ״פעלקער פרילינג״ רעוואלוציעס, האט זיך זייער געקאכט אינערהאלב דאס אייראפעאישע אידנטום, בעיקר אין מערב אייראפע ווי דייטשלאנד און פראנקרייך, איבער די אנטוויקלונג פון רעפארם אידישקייט.

די יונגע דייטשע ׳רע-בנים׳, אין שפיץ פון אברהם גייגער ימ״ש און שמואל האלדהיים ימ״ש, האבן גענומען שטופן די ערגסטע רעפארמען עוקר צו זיין יעדעס ברעקל און זכר פון די תוה״ק רח״ל ביים אידישן פאלק. אין יאר תר״ד איז פארגעקומען די טרויעריג-בארימטע ״כינוס בראונשווייג״ ווען די פארדארבענע ׳דאקטאר ראבינערס׳ האבן זיך צוזאמגענומען אין די דייטשע שטאט בראונשווייג און איינגעשטעלט א רייע רעפארמען.

דאס וואס איז ביז דאן געווען מער אין טעאריע, אין פארעם פון השכלה און געוויסע ׳קליינע׳ שינויים אין אידישקייט, איז אריבערגעגאנגען צו ווערן א פולקאמע ׳אפיציעלע׳ רעפארם, אוועק פון אידישקייט כרחוק מזרח ממערב, און אנטוויקלט א נייע סארט רעליגיע, וואס האט זיך גערופן ׳אידיש׳, אבער האט מיט אידישקייט קיין שייכות נישט געהאט.

נאך יענעם כינוס האט דער מהר״ם שיק געשריבן א לענגערע תשובה צום כתב סופר אין וועלכן ער האט גערופן אז מ׳זאל ארויסשטעלן די רעפארמער פון כלל ישראל אזויווי די אמאליגע צדוקים ובייתוסים. - און שפעטער האט עס אין אונגארן זיך אנטוויקלט צו ווערן א פולקאמע טיילונג, וואס האט געראטעוועט דאס אונגארישע אידנטום. אבער דאס איז שוין א באזונדערע טעמע.

## דער שפאלט אינערהאלב רעפארם

פארט אבער האבן נישט אלע באטייליגער ביים ׳כינוס בראונשווייג׳ איינגעשטימט מיט די ווייטגרייכנדע רעפארמען. א ווארט וואס איז, אגב, צום ערשט איינגעשטעלט געווארן א יאר שפעטער ווען שמואל האלדהיים האט געעפנט די ערשטע ״רעפארם געמיינדע״ אין דייטשלאנד.

איינער פון די באקאנטסטע ראבינערס וואס האבן זיך קעגנגעשטעלט די ווייטגרייכנדע רעפארמען איז געווען ד״ר ראבינער זכריי׳ פרענקל, גרינדער פון די טרויעריג-בארימטע ״בית המדרש לרבנים״ אין ברעסלאו, פרייסן. טראץ וואס ער איז אליין געווען לײדער זייער ווייט פארקראכן פון אידישקייט, און ער האט ר״ל כופר געווען אין חלקים פון תורה שבעל פה, זענען די יונגע רעפארמער שוין געגאנגען צו ווייט אפילו פאר אים.

אין טעאריע האט פרענקל מסכים געווען צום גאנג פון די רעפארמער אז מען דארף ח״ו ׳צופאסן די תורה צו דער היינטיגער תקופה׳, אבער פון די אנדערע זייט האט ער געהאלטן אז די רעפארמער גייען צו ווייט, און דערווייטערן פון זיך דעם אלגעמיינעם המון עם מיט זייער אפענער ארויסטריט קעגן אזעלכע יסודות הדת ווי צב״ש שמירת שבת קודש, נישואי תערובות, אמונה בביאת המשיח, אא״וו.

ער האט דעריבער אנטוויקלט א נייע סארט צוגאנג, וואס האט אויסגעריסן די תוה״ק און שמירת המצוות בלויז ׳טיילווייז׳... ה״י. זיין ארויסטריט קעגן די רעפארמער האט געברענגט מאנכע צו מיינען אז ער איז נישט גענצליך פארקראכן, אבער צוביסלעך האט זיך ארויסגעשטעלט אז אויך ער איז לײדער זייער ווייט פארקראכן.

זיינערצייט האט זיין באוועגונג נישט געהאט קיין ריכטיגן נאמען, אבער וואס איז היינט באקאנט אין אמעריקע אלס ״קאנסערוואטיווע באוועגונג״ איז נאכגעפאלגט זיין גאנג און איז אנטוויקלט געווארן דורך זיינע תלמידים.

## גרעסערע חורבנות

למעשה, כאטש וואס די קאנסערוואטיווע באוועגונג הייסט מער ׳מעסיג׳ קעגן די פולקאמע רעפארמער, האט עס פאקטיש אנגעמאכט אסאך מער חורבנות. טאקע וויבאלד עס האט נאך אנגעהאלטן געוויסע טראדיציעס, און האט נישט טאטאל אפגעהאקט מיט אידישקייט, האבן אסאך שוואכע אידן זיך גרינגער געלאזט איבעררעדן אנצושליסן אין דער באוועגונג, וואס צו רעפארם זענען זיי נישט געגאנגען.

די גרעסטע חורבנות ביים אמעריקאנער אידנטום איז געקומען מער פון די קאנסערוואטיוון ווי פון די רעפארמער - כאטש וואס עווענטועל זענען רוב אנגעשלאסענע אין די קאנסערוואטיוון אנגעקומען עווענטועל צו די רעפארמער. צי וואס זיין א האלבער גוי אויב מ׳קען זיין א גאנצער גוי?! נעבעך.

## א פרענקל אויפ׳ן האריזאנט

דער ראבינער זכריי׳ פרענקל האט געהאט א קרוב משפחה [אדער א פלומעניק, אדער א ווייטערער קרוב, ווענד זיך וועמען מ׳גלייבט...] מיט׳ן נאמען אברהם אליעזר פרענקל, אדער ווי ער האט זיך גערופן מיט זיין גוי׳אישן נאמען, ד״ר לודוויג אוגוסט פרענקל.

לודוויג האט געהאט גרויסע חלומות. ער האט געוואלט אנקומען צו הויכע פלעצער. ביי די 22 האט ער פארפאסט א פאעזיע בוך ״לויב די [קייזערליכע] שטוב פון האבסבורג״, וואס האט אים געברענגט צו געווינען א פרייז פונעם קייזערליכן הויף. שפעטער איז ער געווארן סעקרעטאר פון די אידישע קהלה אין וויען, א פרעסטיזשפולע פאזיציע.

אין די אנהויב 840׳ער יארן איז ער, ווי פילע פון די אייראפעאישע אידישע יוגנט, געווארן פארכאפט מיט רעוואלוציאנערישן פיבער, און ער האט ארויסגעגעבן א וועכנטליכן צייטונג, וואס איז עווענטועל קאנפיסקירט געווארן דורך די רעגירונג, צוליב איר אפענע שטיצע פאר די רעוואלוציאנערן אין עסטרייך.

ווען די רעוואלוציע האט אויסגעבראכן אין 848׳ למספרם - ביים דערמאנטן ׳פעלקער פרילינג׳ - האט לודוויג זיך אנגעשלאסן אלס אפיציר אין די ״סטודענטן ליגע״ אויף די זייט פון די רעוואלוציע. ווען די רעוואלוציע האט זיך אויסגעלאזט מיט א דורכפאל, האט עס איבערגעלאזט א ברענענדיגע ׳לאך׳ ביי לודוויג, און ער האט געזוכט מיט אלע כוחות וויאזוי צו אויפבויען זיין רעספעקט און זעלבסט-שעצונג.

זיבן יאר שפעטער האט ער געטראפן א געלעגנהייט.

(פארזעצונג קומט אי״ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ״י משנתו של מרן רביה״ק מסאטמאר זי״ע

# פילצאליגע שלומי אמוני ישראל ביי עצרת מחאה והתחזקות קעגן גזירת הגיוס און קעגן מפשרים בחינוך הטהור

**אויף 'ככר זופניק' פארנט פון בנייני העדה החרדית – געהערט געווארן פייערדיגע ווערטער דורך חברי הבד"ץ הגאון הגדול רבי אברהם יצחק אולמאן שליט"א און הגאון הגדול רבי יהושע ראזענבערגער שליט"א איבער שרעקליכן מצב פון גזירת הגיוס, און איבער ביטערע פירצה בחומת החינוך נאך וואס געוויסע מוסדות האבן אנגעהויבן לערנען ענגליש קעגן דעם חרם חמור – אל תחטאו בילד**

הצלה מגיוס | אין קורצן

## אנטלאפן באצייטנס!

23 יעריגער אינגערמאן **פון א גרויסע חסיד'ישע קהילה אין ארץ ישראל**, קוים א האלב יאר נאך די חתונה, איז אנגעקומען צום לשכת מרכז עזרה ויעוץ, און פארציילט אז ביז די חתונה האט ער געהאט א מעמד בן ישיבה, און יעצט צוליב די פרישע גזירות איז דאס אראפגעפאלן.

די מיליטער האט אנגעהויבן לייגן געוואלדיגע דרוק אויף אים אז ער זאל זיך מגייס זיין ר"ל, **סטראשענענדיג אז אויב ער וועט זיך נישט מגייס זיין וועט ער גיין זיצן אין תפיסה** - נישט וויסנדיג וואס עס איז דא צו טון, האט ער פון גרויס שרעק און לחץ וואס מ'האט געלייגט אויף אים, און באגלייט מיט פיתויים אז 'היינט איז שוין אלעס אין ארדענונג', מיט א חרדי'שע אפטיילונג וכו', **זיך ליידער די פארגאנגענע וואך מגייס געווען**, ה"י.

יעצט האט אים איינער צוגעוויזן אז ס'איז דא הילף, די מצילים פון מרכז עזרה ויעוץ וואס העלפן ארויס מיט 'עזרה ויעוץ', און אזוי איז ער די וואך אנגעקומען צום חשוב'ן מציל הר"ר אהרן פאפענהיים פון צפת, וועלכער איז מיט אים געזיצן ביז די שפעטע נאכט שעה'ן, און לויט די אנווייזונגען פון הר"ר שמעון שישא **האט מען אים אנגעזאגט ער זאל נישט צוריקגיין צו זיין אפטיילונג אין מיליטער**, און מען האט אים פונקטליך מדריך געווען וואס צו טוען, צו קענען בעז"ה באקומען א פטור און ניצול ווערן פון די טמא'נע הענט.

מ'איז פול מיט האפענונג אין די נאנטע טעג צו הערן גוטע בשורות!

## פוסק הדור מרן גאב"ד ירושלים שליט"א איז מייסד פרישער 'כולל תשובות והנהגות' עטה"ק אין רמה ה' אין בית שמש





נאך וואס דער ארטיגער כולל איז געשטאנען אין שווערן מצב, האט דער רב שליט"א באפוילן בנו הג"ר חיים עוזר שליט"א ראש כוללי 'תשובות והנהגות' ארייננצונעמען דעם כולל אונטער'ן נעץ פון 'כוללי תשובות והנהגות' – דער רב שליט"א איז פערזענליך אראפגעפארן צום מעמד התייסדות אינעם געגנט, במעמד שרי התורה חברי הביד"ץ שליט"א ורבני העיר – רב שליט"א האט דערביי מחזק געווען תושבים צו שטיין פעסט קעגן די פרואוון פון פרייע שונאי הדת ביי וועמען דער נייער ישוב פון ערליכע אידן איז א דארן אין אויג און זיי זוכן דאס צו שטערן מיט אלע מיטלען



והוא ער לך;
**ציוני'סטישער מיליטער האלט אפ פארזאמלונג פאר חרד'ישע יוגנטליכע אפצוצייכענען 25 יאר זינט גרינדונג פון א.ג. 'חרדי'שע' אפטיילונגען אין מיליטער, אנגעהויבן דורך "נחל חרדי – נצח יהודה" – , ארייננצושלאפן נאך חרדים אין טמא'נעם מיליטער, היל"ת**


ועד משמרת חומותיך ירושלים
שע"י קהל יטב לב דסאטמאר - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
רבני הועד: הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א, הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א, הרה"ג ר' בנציון לאוב שליט"א
בעזהשי"ת — בימי האורה חנוכה תשפ"ה לפ"ק
שאלו שלום ירושלים!
ובכן הננו פונים בזה
בקריאה מיוחדת לכל אנשי שלומינו
למען כבוד העדה החרדית בארה"ק
שכל אחד ואחד ישתתף בדמי חבר
להיות "חבר נאמן" בהעדה החרדית לחזק פעולות הקודש של "ועד הפעולה" שע"י העדה החרדית
לימין צדקו של מנהיג העדה החרדית מרן פוסק הדור כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א ובית דינו הצדק
החותמים למען ירושלים עיה"ק
נפתלי הורצקא צוויבל — בנציון לאוב — דוד שלמה עקשטיין
רבני ועד משמרת חומותיך דקהל יטב לב דסאטמאר
קריאה מיוחדת לחברי קהלתינו הק'
מאת הגה"צ אב"ד ור"מ וויליאמסבורג שליט"א

"חבר נאמן" קומט קיין וויליאמסבורג...

# היי'ליגער ברען צו שטיצן "ועד הפעולה שע"י העדה החרדית" ביי סאטמארע חסידים אין וויליאמסבורג נאך ספעציעלער מכתב עוז פון הגה"צ אבדק"ק ור"מ סאטמאר-וויליאמסבורג שליט"א

רב שליט"א אפעלירט צו אנ"ש זיך אנצושליסן באש קודש אלס "חבר נאמן" לטובת די פעולות בקודש פונעם "ועד הפעולה" לימין צדקו פון כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א
**העפטיגע צוגרייטונגען אינעם "ועד הפעולה" צו פארברייטערן כח ההוראה שע"י העדה החרדית!** פרטים יבואו בע"ה

# ריזן דריי מיליאן דאלאר חלוקה דורך מפעל הק' "קרן הצלה"; גרעסטע חלוקה אין היסטאריע פאר מוסדות עטה"ק!


הרה"ח ר' שלמה יוסף וואלדמאן הי"ו, יו"ר קרן הצלה, ביי מרן גאב"ד ירושלים שליט"א





צווייטע חלוקה פון דאס יאר תשפ"ה, פארגעקומען בלשת הבד"ץ בראשות חברי הביד"ץ שליט"א מיט השתתפות פון ראשי הנהלת קרן הצלה – ריזיגע סכומים צושטאנד געקומען דורך ווארימע נדבות פון תלמידי מרן רביה"ק זי"ע דורך מאסיווער 'קשר' קאמפיין מיט פילע רייכע באנקעטן בבתי נגידים – ערנסטער סכום פון 'פושקע' געלטער צוזאמגענומען דורך גבאי קודש אין בתי מדרשים – אין קרית יואל פראגרעסירט מאסיווע "קשר מיטן רבי'ן" קאמפיין, וואו עס ווערן אפגעהאלטן הערליכע פריוואטע מסיבות, ווען צו די זעלבע צייט גרייט מען זיך שוין צום גרויסן קאמפיין וואס וועט נאכפאלגן אין מאנסי – וקדשתי את שמי הגדול המחולל בגוים

ברגע של אמת; ויואל משה אמת...

# מנהיג דגל התורה הגאון רבי דוב לאנדא שליט"א ר"י סלאבאדקא אנערקענט עפנטליך: "די ציונים ברענגען נאר צרות אויך בגשמיות; די אראבער האבן אונז נאר פיינט וועגן די ציונים; אונטער די אראבער וואלט פיל בעסער געווען!"

הרב לאנדא שליט"א האט אין א שמועס צו רבנים אין א דיון איבערן מצב שטארק אראפגעריסן די מזרח'יסטישע שטרעמונגען ביי וועמען עס עקזיסטירט בלויז דאס איינע 'מצוה' פון ארץ ישראל, און דערביי געזאגט: "די ציונים האבן אונז בלויז געברענגט צרות, אונטער די אראבער וואלט אסאך בעסער געווען, די אראבער זענען קיינמאל נישט אזוי שלעכט געווען פאר די ציונים, דער וועג פון [הגה"ק] רבי יוסף חיים זאנענפעלד איז געווען פיר מער אפעקטיוו"...

תפילות ישראל עושה רושם:

# מצילים פון "מרכז עזרה ויעוץ" באריכטן איבער לעצטיגע צייטווייליגע פארלייכטערונג אין מצב מיט באקומען פטורים; פילצאליגע פטורים גרינג אריבער ב"ה אין לעצטע וואכן

## מעט אור בתוך החושך

עטליכע ווארימע דאנק ווינטשן וואס זענען געשיקט געווארן אין די לעצטע וואכן צו מצילי המרכז (במיוחד פאר הר"ר שמעון שישא, הר"ר שמעון דימאנד, און הר"ר יעקב וויינבערג)


אני
תזכו הלאה להציל את עם ישראל
אני כבר התייאשתי - (השלמתי עם זה שאצטרך לעשות שירות)
אבל כשפגשת אותי בראש השנה וברכת אותי לפטור
הרגשתי שזה פועל
מברכות פיך כֻּלָּם יתברכו

"שוין געהאלטן לאחר יאוש" רח"ל




"די חברי כנסת [המינים] זענען גארנישט ווערד!!!!"


גרייט די הצלה ביי די האנט...

חסיד'ישער בחור זיצט נעבעך אין טורמע, ער מוז געדענקען דעם נומער פונעם ראש המצילים על כל צרה שלא תבא, קיין פעדער און פאפיר באקומט ער נישט, אבער א איד גיבט זיך אן עצה...

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א
רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו mishnuso@gmail.com